Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 19, נומער 3 (93)

ניסן תשע״ד/אַפּריל 2014

## דער יובֿל[1] פֿון לעוו בערינסקי[2]



רעכטס : פּאָרטרעט פֿונעם מחבר דורך רענאַטע פֿאָן מאַנגאָלדט. לינקס : לעוו בערינסקיס פּאָעמע „רענדסבורגער מקווה“, מיט בילדער פֿון אינגאַ אַרז.




דעם 10טן אַפּריל האָט דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער געהאַט דעם כּבֿוד[3] אויפֿצונעמען[4] איינעם פֿון די אינטערעסאַנטסטע הײַנטצײַטיקע[5] ייִדישע פּאָעטן, לעוו בערינסקי. דער שרײַבער, וואָס וווינט אין ישׂראל[6], איז געקומען אין אייראָפּע צו פּראַווען[7] זײַן 75סטן געבוירן־טאָג – פֿרײַער אויף אַ פֿײַערונג אין דרעזדן און דערנאָך אין פּאַריז. אינעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער איז פֿאָרגעקומען אַ צווייִשפּראַכיקע פֿאָרלייענונג פֿון זײַן פּאָעזיע. בײַ אַן אָנגעפּאַקטן זאַל[8] האָט דער אויטאָר פֿאָרגעלייענט אַן אויסקלײַב לידער אויף ייִדיש און בתיה בוים[9] – פֿון אירע איבערזעצונגען אויף פֿראַנצייזיש. יצחק[10] ניבאָרסקי האָט פֿאָרגעשטעלט דעם גאַסט און געגעבן אַן אַרומנעמיקן[11] אַרײַנפֿיר אין זײַן ווערק. דער עולם[12] האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט[13] אי די לידער אי די מעגלעכקייט זיך צו באַקענען מיטן מחבר[14].

לעוו בערינסקיס לעבן האָט זיך אָנגעהויבן אויף גאָר אַ שטורמישן אופֿן[15]. ער איז געבוירן געוואָרן דעם 6טן אַפּריל 1939 אינעם מאָלדעווער[16] שטעטל קאַושאַן[17], דעמאָלט אין רומעניע – נאָר שוין מיט אַ פּאָר חדשים[18] שפּעטער האָט ער געביטן די בירגערשאַפֿט[19] זיך ניט רירנדיק פֿון אָרט : דער ראַטן־פֿאַרבאַנד[20] האָט פֿאַרנומען די גאַנצע געגנט און דער קליינער לעוו בערינסקי איז געוואָרן אַ סאָוועטישער בירגער (זעט דאָס ליד ז׳ 2). באַלד דערנאָך, ווען דײַטשלאַנד איז אָנגעפֿאַלן אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד, איז ער מיט דער מאַמען אַנטלאָפֿן אויפֿן אוראַל[21] און אין טאַדזשיקיסטאַן. נאָך דער מלחמה[22] איז די משפּחה[23] צוריק אין מאָלדעווע, ווּ דער פּאָעט איז אויפֿגעוואַקסן און ווּ ער האָט דעביוטירט[24] מיט לידער אויף רוסיש אין אַ קעשענעווער[25] צײַטונג אין 1952 (אויף דער דאָזיקער שפּראַך שרײַבט ער ווײַטער ביז הײַנט צו טאָג).

בערינסקי שטאַמט פֿון אַ מוזיקאַלישער משפּחה און האָט אַליין געשפּילט און געלערנט מוזיק. ער האָט שטודירט דײַטשישע שפּראַך און ליטעראַטור, ווי אויך ליטעראַרישע איבערזעצונג אויף אוניווערסיטעטן אין סמאָלענסק און מאָסקווע. דערנאָך האָט ער געאַרבעט ווי אַ דײַטש־לערער אינעם מאָסקווער טעכנישן אינסטיטוט. אָנגעהויבן שרײַבן פּאָעזיע אויף ייִדיש – זײַן מאַמע־לשון[26] – האָט ער ערשט[27] אין עלטער פֿון 42 יאָר. זײַנע ערשטע ייִדישע לידער זענען דערשינען אין דער צײַטשריפֿט סאָוועטיש היימלאַנד. צוזאַמען מיט אַ גרופּע שרײַבער, ווי וועלוול טשערנין צי באָריס סאַנדלער, האָט ער שטודירט ייִדישע ליטעראַטור אינעם גאָרקי־אינסטיטוט אין מאָסקווע. אין 1988 האָט ער אַרויסגעגעבן זײַן ערשט לידערבוך אויף ייִדיש, *דער זוניקער וועלטבוי*.

אין 1991, ווי אַ סך רוסישע ייִדן, איז ער עולה געווען[28] אין ישׂראל, ווּ ער האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט עכּו[29]. זינט דעם האָט ער פּובליקירט פֿיר אַנדערע ביכער לידער און בײַגעטראָגן[30] צום קולטור־לעבן אויף ייִדיש ווי דער אָנפֿירער פֿונעם ישׂראלדיקן[31] פֿאַרבאַנד פֿון ייִדיש־שרײַבער, מיטגרינדער פֿון דער ליטעראַרישער צײַטשריפֿט *נײַע ווענן* (1992-2003) און רעדאַקטאָר פֿונעם אַלמאַנאַך *וואָרטבילד* (2000). זײַנע שאַפֿונגען האָט מען איבערגעזעצט אויף עטלעכע שפּראַכן, דער עיקר[32] אויף דײַטש. בערינסקי איז אויך אַליין אַן איבערזעצער אויף רוסיש און אויף ייִדיש. אין 1997 האָט ער געקראָגן צוויי וויכטיקע ליטעראַרישע פּרעמיעס[33], דעם מאַנגער־פּרײַז און דעם האָפֿשטיין־פּרײַז.

1. YOYVL *ici* anniversaire/*here* birthday/*כאן:* יום הולדת 2. Lev Berinski/לב ברינסקי 3. KOVED honneur/honor 4. accueillir/welcome/לארח 5. d'aujourd'hui/of today/עכשווי 6. YISROEL Israël 7. célébrer/celebrate/לחגוג 8. salle comble/packed hall/אולם מלא 9. BASYE Batia Baum 10. YITSKHOK 11. large/comprehensive/מקיף 12. OYLEM public/קהל 13. apprécié/appreciated/העריך 14. MEKHABER auteur/author 15. ... OYFN manière tumultueuse/stormy manner/בסערה 16. moldave/Moldavian/מולדבי 17. Causeni 18. KHADOSHIM mois/months, *sing.* חודש KHOYDESH 19. nationalité/citizenship/אזרחות 20. URSS/USSR/ברה״מ 21. Oural/Ural/אורל 22. MILKHOME guerre/war 23. MISHPOKHE famille/family 24. débuté/made his debut/החל לפרסם 25. de/of Kishinev/מן העיר קישינב 26. ...-LOSHN langue maternelle/mother tongue/שפת אם 27. seulement/only/רק 28. OYLE ... immigré/immigrated 29. AKO Acre/Akko 30. contribué/contributed/תרם 31. YISRO'ELDIKN israélien/Israeli 32. ... IKER principalement/mainly/בעיקר 33. prix/prizes/פרסים.



לכּבֿוד[1] לעוו בערינסקיס יובֿל[2] דרוקן מיר אָפּ זײַנס אַ ליד וואָס ער האָט אָנגעשריבן צו זײַן 74סטן געבוירן־טאָג.
די סצענע פֿון דעם נאַראַטאָרס פּריוואַטער געשיכטע – זײַן געבוירן ווערן – מישט זיך דאָ אויס מיט דער וועלט־געשיכטע (דער אָנפֿאַל[3] פֿון ראַטן־פֿאַרבאַנד[4] אויף מאָלדעווע[5], דעמאָלט אַ רומענישע פּראָווינץ, אין אויגוסט 1940, און די דײַטשישע אינוואַזיע אויפֿן ראַטן־פֿאַרבאַנד אין יוני 1941). מיר דערקענען עטלעכע אויטאָביאָגראַפֿישע מאָטיוון פֿונעם מחברס[6] לעבן : זײַן געבורט פּסח[7]־צײַט 1939 אינעם מאָלדעווער שטעטל קאַושאָן[8], די נעמען פֿון די טאַטע־מאַמע (רחל[9] און שמואל[10]) און פֿונעם זיידן (ישׂראל[11] פּיקס), שפּעטער – דאָס אַנטלויפֿן אין טאַדזשיקיסטאַן בשעת[12] דער מלחמה[13]. אינעם ליד געפֿינען מיר אויך עלעמענטן פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר : דער גלויבן אַז איידער אַ קינד ווערט געבוירן, לעבט עס אין גן־עדן[14] און לערנט תּורה[15], ביז, אינעם מאָמענט פֿון קומען אויף אונדזער וועלט, גיט אים אַ מלאך[16] אַ שנעל[17] אונטער דער נאָז (אָדער, ווי דאָ – אַ פּאַטש[18] איבער די ליפּן) כּדי[19] עס זאָל אַלץ פֿאַרגעסן. אויך דאָס פֿאָרשטעלן די שכינה[20] ווי אַ פֿרויען־געשטאַלט וואָס וווינט אויף דער ערד צוזאַמען מיטן פֿאָלק ישׂראל איז טראַדיציאָנעל. דער אויסלייג[21] פֿונעם ליד היט אָפּ דעם מחברס בעסאַראַבער[22] ייִדישן דיאַלעקט, וואָס מע פֿלעגט רופֿן „טאַטע־מאַמע לשון[23]“, ווײַל דער „אַ“־קלאַנג ווערט אין אים אָפֿט געביטן אויף „אָ“. אויך דער אַרויסרעד פֿון די נעמען רוכל (רחל), שמיל (שמואל) און סרול (ישׂראל) איז ווי אין אָט דעם דיאַלעקט.

## מײַן מאַמע[24] ליגט אין קימפּעט[25]
### פֿון לעוו בערינסקי

*די מאַמע ליגט אין קימפּעט.* זאָל אַ מיידל
געבוירן ווערן, מירטשעם[26], צי אַ זון ?
איך גרייט זיך דאָרט אין גלות[27] פֿון גן־עדן.
כ׳וועל אפֿשר[28] האָבן שוין דעם ערשטן צאָן[29],
ווען אויסברעכן סע וועט די וועלט־מלחמה.

*די מאַמע ליגט אין קימפּעט.* מלאך־דומה[30]
גיט שוין אַ פּאַטש מיר שטיל איבער די ליפּן
כ׳זאָל מאָמענטאַל[31] פֿאַרגעסן וואָס איך זע
פֿון איין עק[32] אין־סוף[33] ביז דעם צווייטן – ווײַ
טוט עס ניט שטאַרק, און עפּעס ווערט פֿאַרבליבן
פֿון גראַנדיעזן קאָסמאָס סײַ ווי סײַ
בײַ מיר הינטער די אויגן...

*ס׳איז פֿאַרבײַ*
*אַ ביסל צײַט (איצט ווייס איך, די סאָוועטן*
*זענען אַרײַן אין שטעטל קאַושאָן),*
*איך זינג „טרעיאַסקאַ רעזשעלע“[34], מען קאָן*
*דערפֿאַר מײַן טאָטן אַרעסטירן...*

בעטן[35]
דאָס קימפּעט־בעט האָט מען געבעט בײַם זיידן,
בײַם מאמין[36], בײַ דעם קראָיִטאָר[37] סרול פּיקס,
*די מאָמע ליגט אין קימפּעט.* „כ׳וועל דער[38] טייטן, –
זאָגט שמיל צום שווער[39], – אויב ד׳ייִדישסט[40] אים“. (באַשניטן[41]
בין איך געהיים[42] געוואָרן).

*די „שעה איקס“[43]*
*ברעכט אויס[44], דער דײַטש באָמבירט שוין. אויף צו ברעכן[45]*
*איז מיר פֿון אַזאַ וועלט...*
טאַדזשיקיסטאַן,
די שטאָט רעגאַר[46] מיטן אַריק[47] און קעמלען[48],
און הונגער... ס׳הערט ניט אויף אין מאָגן קלעמען[49]
און נאָגן[50]... זאָל זי אונדז דאָס לעבן נעמען –
דעם זון און זיך אַליין ? – באַטראַכט מסתּם[51]
די מאָמע – ווײַל איר שמיל, זעט אויס, שוין ניט וועט
זיך אומקערן פֿון קריג צוריק...

*...אין קימפּעט*
*די מאָמע ליגט.* ס׳איז פּסח. אויף דער וועלט
איז אַלץ שוין גרייט צום צווייטן וועלטקריג. ס׳בילט[52]
דער הונט בײַ אונדז אין הויף, ער האָט דערפֿילט :
אַ פֿרעמדער
צוגווינט[53] צווישן די טריקנדיקע העמדער
און גאַטיעס[54] אויפֿן שטריק[55].

עס גייט אַרײַן
– און לאָזט אָן[56], אַך, אַ פֿולן צימער שײַן –
און שטעלט זיך אינו־ניראהדיק[57] די שכינה
איבערן בעט, מיט איר פּלאַנעטן־צאָפּ[58]
(צעפֿלייצטן[59] ווי בײַ ד׳ר[60] שבת־שיקסע לינע[61])
און צײַגט[62] אויף פֿינגערשפּראַך :
– דו האָב אים[63], רוכל, האָב...

6. 4. 2013

**לעוו בערינסקי, בילד פֿון**
**©איליאַ קייטלגיסער (1982)**

1. LEKOVED en honneur de/in honor of 2. YOYVL *ici* anniversaire/*here* birthday/כאן : יום־הולדת 3. attaque/attack/תקיפה 4. Union soviétique/Soviet Union/ברית המועצות 5. Moldavie/Moldavia/מולדביה 6. MEKHABERS de l'auteur/author's/של הסופר 7. PEYSEKH Pâque juive/Passover 8. Causeni 9. ROKHL 10. SHMUEL 11. YISROEL 12. BESHA'S pendant/during 13. MILKHOME guerre/war 14. GAN-EYDN Paradis/Paradise 15. TOYRE Torah 16. MALEKH ange/angel 17. pichenette/flick/חבטה, פליק 18. tape/slap/סטירה 19. KEDE'Y pour que/so that 20. SHKHINE présence divine/divine presence 21. orthographe/spelling/כתיב 22. de Bessarabie/Bessarabian/מבסארביה 23. LOSHN langue/language 24. mère/mother/אמא 25. est en couches/lies in labor/כורעת ללדת 26. si Dieu le veut/God willing/אם ירצה השם 27. GOLES exil/exile 28. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 29. dent/tooth/שן 30. MALEKH DOYME ange chargé des âmes dans l'au-delà/angel in charge of souls in the hereafter/מלאך הממונה על הנשמות בעולם הבא 31. immédiatement/instantly/מיד 32. bout/end/קצה 33. EYN-SOF l'infini/infinity 34. *Traiasca regele* "Vive le roi", hymne national roumain/"Long live the king", Romanian national anthem/"יחי המלך", ההמנון הלאומי הרומני 35. dresser le lit/make up the bed/להציע את המיטה 36. MAYMEN le croyant/the believer 37. tailleur/tailor/חייט 38. דיך 39. beau-père/father-in-law/חוֹתֵן 40. tu circoncis/you circumcise/אתה מָל 41. circoncis/circumcised/מָלוּ 42. en secret/in secret/בהחבא 43. sho X, heure H/H-hour/שעת השין 44. éclate/breaks out/פורץ 45. à vomir/to vomit/להקיא 46. Regar (Tursunzoda) ville de/town in Tadjikistan/עיר בטג'יקיסטן 47. arak/ערק (משקה) 48. chameaux/camels/גמלים 49. serrer/to press/ללחוץ 50. ronger/gnaw/לכרסם 51. MISTA'M sans doute/no doubt/מן הסתם 52. aboie/barks/נובח 53. courant d'air/draft/רוח פרצים 54. caleçons/underpants/תחתונים 55. corde à linge/washline/חבל כביסה 56. émet/emits/מפיץ 57. EYNE-NI'REDIK invisible/בלתי נראה 58. tresse/braid/צמה 59. défait/undone/פָּרוּם 60. דער 61. SHABES-... la bonne du shabbat (non-juive) Lina/gentile servant Lina/המשרתת הגויה לינה 62. montre/shows/מַרְאֶה 63. accouche/give birth/הוֹלִידִי.



# ייִדישע מיסטעריעס

ס׳איז פֿאַראַן באַרימטע מענטשן אויף דער וועלט וואָס זאָגן אָפֿן אַז זיי זײַנען ייִדן און וואָס אַלע ווייסן עס ; ס׳איז דאָ אַנדערע, וואָס זאָגן גאָרנישט און מע קען מיינען וואָס מע וויל, און נאָך אַנדערע וואָס מע שושקעט זיך[1] אַז זיי זײַנען ייִדן כאָטש[2] זיי האָבן געזאָגט און געשריבן אַז זיי זײַנען עס נישט. לעצטנס האָט מען געפֿײַערט[3] דעם יאָרטאָג[4] פֿון צוויי אַזעלכע מענטשן, יעדער פֿון זיי אַ מײַסטער פֿון זײַן קונסט : טשאַרלי טשאַפּלין און ראָבערט קאַפּאַ. קאַפּאַ איז געווען אַ ייִד כאָטש ס׳רובֿ[5] מענטשן האָבן עס ניט געוווּסט, און טשאַפּלין איז ניט געווען קיין ייִד אָבער מע האָט גאַנץ אָפֿט געזאָגט אַז ער איז עס יאָ. ייִדישע מיסטעריעס. גיי פֿאַרשטיי !

### מיסטעריע נומער 1

דאָס יאָר 2014 איז דער הונדערטסטער געבוירן־טאָג ניט פֿון טשאַרלי טשאַפּלין אַליין[6], נאָר פֿון זײַן העלד[7], „דעם קליינעם וואַגאַבונד[8]“. אין 1914 האָט טשאַפּלין זיך געגרייט אָנצוהייבן אַ נײַעם פֿילם. דעמאָלט פֿלעגט יעדער קאָמיקער אין האָליוווד אימפּראָוויזירן און אַליין באַשטימען ווי ער וועט זיך פֿירן אָדער וואָס ער וועט טראָגן. איז טשאַפּלין אַרײַן אין רעקוויזיטן־זאַל[9] און ניט וויסנדיק גענוי וואָס ער זוכט, האָט ער זיך אויסגעקליבן אַ צו קליין רעקל[10], אַ פּאָר צו גרויסע שיך, אַ קאַפּעליוש[11] און אַ שטעקעלע[12]. דערצו האָט ער זיך צוגעקלעפּט[13] די קליינע לעכערלעכע וואָנצעלעך[14]. דאָס איז געווען דער ערשטער אַרויסטרעט[15] פֿונעם וואַגאַבונד. דער פֿילם האָט געהאַט אַ גוואַלדיקע הצלחה[16] און אָט דער העלד איז געבליבן אויף אייביק זײַן וועלט באַרימט מאַרקע־צייכן[17] און זײַן „אַלטער עגאָ“.
טשאַפּלינס לעבן איז גאָר באַקאַנט : אַן אָרעמע קינדהייט אין לאָנדאָן, אָנהייב קאַריערע אין מוזיקהאָל, אָנקום אין אַמעריקע אין 1910 מיט אַ טעאַטער־טרופּע, אַרבעט אין האָליוווד פֿון 1914 אָן. דאָרטן איז טשאַפּלין באַלד געוואָרן אַ „סטאַר“. ער איז געבליבן אַקטיוו אין קינאָ 60 יאָר און געמאַכט איבער 80 פֿילמען, וואָס ס׳רובֿ פֿון זיי האָט ער אַליין אָנגעשריבן, רעזשיסירט[18], פּראָדוצירט, געשפּילט, מאָנטירט[19] און קאָמפּאָנירט די מוזיק.
טאָ וואָס איז די מעשׂה[20] מיט זײַן ייִדישקייט ? שווער צו זאָגן. ס׳איז ניטאָ קיין ברעקל באַווײַז[21] אַז ער זאָל שטאַמען פֿון ייִדן. נאָר אַ סך מענטשן האָבן געזאָגט אַז ער זעט אויס ווי אַ ייִד, האָט ייִדישע אויגן, רעדט מיט די הענט, זײַנע העלדן האָבן אַ ייִדישן כאַראַקטער – זיי זײַנען וואַריאַנטן פֿון דעם ייִדישן „לופֿטמענטש[22]“. די נאַציס האָבן פֿאַררעכנט[23] טשאַפּלינען פֿאַר אַ ייִד און פֿאַרבאָטן זײַנע פֿילמען אין דײַטשלאַנד. אָבער אויך ייִדן האָבן אים געזען ווי „אַן אונדזעריקן[24]“ – פֿאַר וואָס ניט, אַזאַ זשעני[25], וואָס פֿאַרטיידיקט דערצו די אָרעמע און אונטערגעדריקטע[26] און שטעלט זיך אַנטקעגן די נאַציס אינעם פֿילם „דער דיקטאַטאָר“ (1939). אַן אַנדער מיינונג איז געווען אַז ער איז אַ ציגײַנער[27]. ווען מע האָט אים געפֿרעגט צי ער איז אַ ייִד, האָט ער געענטפֿערט : „איך האָב ניט אַזאַ כּבֿוד[28]“, נאָר ניט אַלע מאָל איז ער געווען אַזוי קלאָר איבער דעם ענין[29]. און אַזוי ווי מע האָט קיין מאָל ניט געפֿונען זײַן מעטריקע[30], קען מען גאָרניט וויסן אויף זיכער.

### מיסטעריע נומער 2

ראָבערט קאַפּאַ איז געבוירן געוואָרן אין בודאַפּעשט אין 1913. לכּבֿוד[31] זײַנע הונדערט יאָר האָט מען לעצטנס אָרגאַניזירט עטלעכע אויסשטעלונגען[32], צווישן אַנדערע אַן אויסקלײַב פֿון זײַנע בילדער פֿונעם שפּאַנישן בירגערקריג[33] אינעם מוזיי פֿון ייִדישע קונסט און געשיכטע[34] אין פּאַריז.



קאַפּאַ איז געווען איינער פֿון די גרעסטע פֿאָטאָגראַפֿן פֿון זײַן צײַט און אין דער קאַטעגאָריע „מלחמה[35]־פֿאָטאָגראַפֿיע“ איז ער געווען, לויט אַ סך מבֿינים[36], דער סאַמע בעסטער. ער שטאַמט פֿון אַ ייִדישער משפּחה[37] און זײַן אמתער[38] נאָמען איז געווען ענדרע פֿרידמאַן. צו[39] זיבעצן יאָר איז ער אַוועק אין בערלין, האָט שטודירט זשורנאַליזם און אָנגעהויבן אַרבעטן בײַ פֿאָטאָגראַפֿיע. ווען די נאַציס קומען צו דער מאַכט אין 1933, פֿאָרט ער אַוועק קיין פּאַריז ווו ער באַקענט זיך מיט גערדאַ פּאָהאָרילע, אַ ייִדיש מיידל פֿון דײַטשלאַנד. זיי לעבן און אַרבעטן צוזאַמען. די בילדער פֿונעם יונגן פֿאָטאָגראַף האָבן ניט קיין גרויסן דערפֿאָלג[40], ביז ער נעמט אַ פּסעוודאָנים און פֿאַרקויפֿט זיי ווי „פֿאָטאָס פֿונעם אַמעריקאַנער פֿאָטאָגראַף ראָבערט קאַפּאַ“. אויך גערדאַ בײַט איר נאָמען אויף גערדאַ טאַראָ. ביסלעכווײַז[41] ווערן זיי ביידע באַקאַנט אויף דער פֿאָטאָ־וועלט. אין 1936 ברעכט אויס דער בירגערקריג אין שפּאַניע. זיי פֿאָרן דאָרטן מיט אַ דריטן פֿאָטאָגראַף, דוד סיימאָר[42] אויך אַ ייִד, וואָס האָט גענוצט דעם צונאָמען[43] „שים“. זייערע פֿאָטאָס ווערן געדרוקט אין צײַטונגען אַרום דער גאַנצער וועלט. גערדאַ קומט אום[44]

[סוף ז׳ 8]

1. on chuchote/whisper/להתלחש 2. bien que/although/למרות ש 3. célébré/celebrated/חגגו 4. anniversaire/anniversary/יום־הולדת 5. S'ROV la plupart/most/רוב 6. lui-même/himself/בעצמו 7. héros/hero/גיבור 8. vagabond/tramp/נווד 9. local à accessoires/"prop room"/חדר אביזרים 10. veste/jacket/ז'קט 11. chapeau/hat/כובע 12. canne/cane/מקל 13. collé/pasted on/הדביק 14. moustache ridicule/ridiculous mustache/שפם מגוחך 15. apparition/appearance/הופעה 16. ... HATSLOKHE énorme succès/great success/הצלחה גדולה 17. image de marque/trademark/סמל מסחרי 18. mis en scène/directed/בִּיֵּים 19. monté/edited/עָרַךְ 20. ... MAYSE c'est quoi l'histoire ?/so what's the story?/? אז מה הסיפור 21. bribe de preuve/particle of proof/פירור של הוכחה 22. fantaisiste sans métier/poor, impractical man/איש מחוסר מקצוע ולא מעשי 23. ont considéré/considered/החשיבו 24. "un des nôtres"/"one of our own"/אחד משלנו 25. génie/genius/גאון 26. opprimés/oppressed/מדוכאים 27. tzigane/gypsy/צועני 28. ... KOVED un tel honneur/such an honor 29. ... INYEN à ce propos/on the subject 30. acte de naissance/birth certificate/תעודת לידה 31. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 32. expositions/exhibitions/תערוכות 33. guerre civile espagnole/Spanish Civil War/מלחמת האזרחים בספרד 34. MAHJ 35. MILKHOME guerre/war 36. ... MEVINIM selon de nombreux experts/according to a number of experts/לפי דעתם של מומחים רבים 37. MISHPOKHE famille/family 38. E'MESER vrai/real/אמיתי 39. à l'âge de/at the age of/בגיל 40. succès/success/הצלחה 41. petit à petit/gradually/בהדרגה 42. DOVID David Seymour ("Chim") 43. surnom/nickname/כינוי 44. périt/is killed/נהרגת

# אַ בילד פֿון מנחם קיפּניס[1]

## פֿון לבֿנה[2] מ.



אויבן : בילד דורך מנחם קיפּניס. לינקס : באַנד פֿאָלקסלידער מיט מוזיק געזאַמלטע דורך מנחם קיפּניס און זימרה זעליגפֿעלד.

וואָס פֿאַר אַ פֿאָטאָ !
דאָס איז אַן אויסערגעוויינטלעך[3] בילד, אַראָפּגענומען דורך[4] מנחם קיפּניס, אַ וואַרשעווער קינסטלער מיט אַן אייגנאַרטיקן בליק[5]. אויף אַ חלום־נסיעה[6] אין דער אַמאָליקער צײַט, אַרום 1925, שפּאַצירנדיק אין אַ זוניקן, זומערדיקן טאָג, דערזעען מיר צוויי פֿרויען וואָס זיצן אויף אַ באַנק אינעם זאַקסישן גאָרטן[7] אין וואַרשע. זיי טיילן זיך[8] מיט פֿרויִשער פֿרײַנדשאַפֿט. איינע זעט אויס ווי אַ מאָדערנע, נײַצײַטישע פֿרוי, וואָס גייט אין עלעגאַנטע מלבושים[9] מיט אַ שיינער פֿריזור[10], בשעת ווען[11] די אַנדערע האָט אַ פּשוט[12] קלייד און שטרענג פֿאַרקעמטע[13] האָר. די ערשטע, שמייכלענדיק, לערנט איר פֿרײַנדין ווי צו פֿאַרשענערן אירע ליפּן מיט אַ ליפּן־רייטל[14], און די צווייטע זיצט געדולדיק און באַשיידן[15]. מיר קענען זיך כּמעט[16] פֿאָרשטעלן[17] זייער שמועס. אפֿשר[18] קומט איינע פֿון אַ מאָדערנער משפּחה[19] און זי רעדט וועגן דעם נײַעם בוך וואָס זי האָט געלייענט אין אוניווערסיטעט, אָדער וועגן איר ווּנטש אַוועקצופֿאָרן קיין אַמעריקע און ווײַטער צו שרײַבן לידער און קינדערביכער. איר פֿרײַנדין הערט זיך אפֿשר צו צו די חידושדיקע[20] ווערטער וועגן אַ נײַ לעבן און פֿרעגט זיך צי אירע טאַטע־מאַמע וועלן מסכּים זײַן[21] זי זאָל חתונה האָבן[22] מיט איר געליבטן.



מיר קענען זאָגן אַז אויף דער דאָזיקער פֿאָטאָ זעט מען קלאָר די נײַע פֿרויענשאַפֿט[23] אין דער איבערגעביטענער[24] ייִדיש־פּוילישער וועלט ! שיין, רירנדיק[25] און פֿול מיט האָפֿענונג. דער פֿאָטאָגראַף וואָס האָט אַראָפּגענומען דאָס בילד איז מנחם קיפּניס. ביזן 15טן מײַ קען מען זען אינעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט אין וואַרשע[26] אַן אויסשטעלונג[27] פֿון אַרום נײַנציק פֿון זײַנע פֿאָטאָגראַפֿיעס. די אויסשטעלונג, מיטן נאָמען „די שטאָט און די אויגן“, האָט זיך געעפֿנט מיט דער הילף פֿון ניו־יאָרקער ייִוואָ[28].
ווער איז געווען מנחם קיפּניס ? אַ באַרימטע פּערזענלעכקייט אין פֿאַרמלחמהדיקן[29] פּוילן, וואָס איז ווערט[30], מע זאָל זי איצט אַנטדעקן[31] אויף ס'נײַ. ער האָט געהאַט אַ פֿילזײַטיקן[32] טאַלאַנט און האָט געאַרבעט אויף פֿאַרשיידענע פֿעלדער.
מנחם קיפּניס איז געבוירן געוואָרן אין אוזשמיר אין וואָלין[33] (אוקראַיִנע) אין 1878 און געשטאָרבן אין וואַרשעווער געטאָ אין מײַ 1942. ער איז געווען אַ חזן[34] מיט אַ שיינער טענאָרשטים, מוזיק־פֿאָרשער[35], פֿאָלקלאָריסט, פֿעליעטאָניסט[36], טעאַטער־קריטיקער און טאַקע אויך אַ פֿאָטאָגראַף. אין 1913 האָט ער אָנגעהויבן זאַמלען[37] ייִדישע פֿאָלקסלידער און האָט זיי אַרויסגעגעבן אין צוויי ווּיכטיקע, פּיאָנירישע אַנטאָלאָגיעס. ער איז אויך אויפֿגעטראָטן[38], מיט זײַן ווײַב זימרה[39] זעליגפֿעלד, מיט קאָנצערטן איבער גאַנץ פּוילן און עטלעכע שטעט אין מערבֿ[40]־אייראָפּע. חוץ[41] אַ סך אַרטיקלען אין פֿאַרשיידענע צײַטונגען האָט ער אין 1930 געדרוקט אַ באַנד *כעלעמער מעשׂיות*[42] (זעט ז' 5).
בשעת[43] דער צווייטער וועלט־מלחמה[44] האָט ער זיך געפֿונען, צוזאַמען מיט זײַן ווײַב, אין וואַרשעווער געטאָ. נאָך זײַן טויט האָט זי געהאַלטן בײַ זיך זײַן טאָגבוך[45] און זײַנע גרויסע זאַמלונגען פֿון ייִדישע פֿאָלקסלידער און ניגונים[46]. זימרה זעליגפֿעלד איז אומגעקומען[47] אין טרעבלינקע און די אַרכיוון זענען צעשטערט געוואָרן[48] בשעת דער געטאָ־ליקווידאַציע.

1. MENAKhEM Kipnis 2. Levana 3. exceptionnel/remarkable/יוצא מן הכלל 4. pris par/taken by/צולם בידי 5. regard particulier/distinctive eye/מבט מקורי 6. KhOLEM-NESIYE voyage rêvé/dream journey 7. jardin de Saxe/Saxon garden/הגן הסקסוני 8. partagent/share/חולקות 9. MALBUShIM vêtements/clothing 10. coiffure/hairdo/תסרוקת 11. BEShA'S ... alors que/while/בעוד 12. POShET simple 13. coiffés strictement/strictly combed/מסורקים בקפידה 14. rouge à lèvres/lipstick/שפתון 15. modeste/modest/צנועה 16. KIMA'T presque/almost 17. imaginer/imagine/לדמיין 18. EFShER peut-être/perhaps/אולי 19. MIShPOKhE famille/family 20. KhI'DEShDIKE surprenants/surprising/מפתיעים 21. MASKIM ... être d'accord/agree 22. KhA'SENE ... se marier/marry 23. condition féminine/condition of women/מעמד האישה 24. changé/altered/שהשתנה 25. émouvant/moving/מרגש 26. Zydowski Instytut Historyczny, http://www.jhi.pl/ 27. exposition/exhibition/תערוכה 28. YIVO Institut scientifique juif/Institute for Jewish Research/המכון למחקר יהודי 29. FARMILKhO'MEDIKN d'avant-guerre/pre-war/שמלפני המלחמה 30. mérite/deserves/ראוי לכך 31. découvrir/discover/לגלות 32. à multiples facettes/many-sided/רב פנים 33. Volhynie/Volhynia/ווהלין 34. KhAZN chantre/cantor 35. chercheur/scholar/חוקר 36. feuilletoniste/columnist/בעל טור 37. collecter/collect/לאסוף 38. s'est produit/appeared/הופיע 39. ZIMRE 40. MAYREV de l'Ouest/western 41. KhUTS à part/aside from/מלבד 42. MAYSES histoires/stories 43. BEShA'S pendant/during/בזמן 44. MILKhOME guerre/war 45. journal/diary/יומן 46. NIGUNIM mélodies 47. a péri/died/נהרגה 48. furent détruits/were destroyed/נהרסו.



מנחם קיפּניס[1] איז געווען ניט נאָר אַ באַגאַבטער[2] פֿאָטאָגראַף און זשורנאַליסט (זעט ז' 4), נאָר אויך אַ פֿאָלקלאָר־זאַמלער[3]. ער פֿלעגט זאַמלען פֿאָלקסלידער און מעשׂיות[4]. אין יאָר 1930 האָט ער אַרויסגעגעבן אין וואַרשע אַ בוך כעלעמער מעשׂיות[5], וואָס ער האָט פֿריִער געדרוקט אין דער טאָגצײַטונג הײַנט. זיי האָבן געהאַט אַ געוואַלדיקן דערפֿאָלג[6] און האָבן אינספּירירט אַ סך אַנדערע שרײַבער זיך צו פֿאַרנעמען מיטן פֿאָלקלאָר אַרום די כעלעמער נאַראָנים[7] (אָדער, ווי מע פֿלעגט זיי אָנרופֿן, „כעלעמער חכמים[8]“).

# אָפּגערוקט[9] דעם באַרג פֿון שטאָט

## פֿון מנחם קיפּניס





כעלעמער ייִדן האָבן זיך אַ מאָל אַרומגעקוקט, אַז דער הויכער באַרג אין מיטן שטאָט טויג זיי נישט[10] : ער פֿאַרנעמט אַן אומזיסט אָרט[11], פֿאַרשטעלט[12] בײַ טאָג די זון און בײַ נאַכט די לבֿנה[13], און פּונקט[14] – ווען מען דאַרף זי מחדש זײַן[15]...
וואָס־זשע[16] טוט מען ?
האָט מען געמאַכט אַן אַסיפֿה[17], געטראַכט דרײַ טעג מיט דרײַ נעכט און ס'איז געבליבן[18], אַז ס'איז נישטאָ קיין אַנדער מיטל[19], נאָר מען זאָל דעם באַרג מיט געוואַלט אַרויסרוקן[20] פֿון שטאָט.
און כּך־הווה[21] :
צו מאָרגנס[22] גאַנץ פֿרי האָבן זיך אַלע כעלעמער בעלי־בתּים[23] אַרויסגעלאָזט[24] צום באַרג און גענומען אים שטופּן[25] מיט אַלע כּוחות[26], וואָס זיי האָבן נאָר געהאַט.
האָבן זיי אים געשטופּט און געשטופּט עטלעכע שעה[27] כּסדר[28], ביז זיי זענען מיד און פֿאַרשוויצט[29] געוואָרן שטופּנדיק.
האָט מען אויסגעטון די קאַפּאָטעס[30] און ווײַטער געשטופּט.
בינו־לבינו[31], בעת[32] די בעלי־בתּים זענען געווען שטאַרק פֿאַרנומען מיטן שטופּן דעם באַרג, זענען געקומען גנבֿים[33] און צוגעגנבֿעט[34] אַלע קאַפּאָטעס...
אַז די בעלי־בתּים האָבן זיך שפּעטער אויסגעקערעוועט[35] און דערזען, אַז ס'זענען נישטאָ די קאַפּאָטעס, איז געוואָרן שׂימחה־וששׂון[36]...
– אוי־וואַ, – האָבן זיי געפּליעסקעט[37] מיט די הענט פֿון גרויס שׂימחה – מיר האָבן שוין דעם באַרג אַזוי ווײַט אָפּגעשטופּט, אַז מען זעט שוין אַפֿילו[38] די קאַפּאָטעס נישט אַרויס...



אויבן : פּאָרטרעט פֿון מנחם קיפּניס און דער סימבאָל פֿון „קיפּניס־פֿאַרלאַג“.
אונטן : „כעלעמער חכמים“, אילוסטראַציע פֿון מאָריס סענדאַק.

1. MENAKhEM Kipnis 2. doué/gifted/מוכשר 3. collecteur/collector/אספן 4. MAYSES histoires/stories 5. *Histoires de Chelm/Tales of Chelm*/סיפורי חלם 6. grand succès/great success/הצלחה גדולה 7. idiots/fools/כסילים 8. KhAKhOMIM sages/wise men 9. déplacé/moved aside/הזיזו הצידה 10. ne leur convient pas/is of no use to them/לא מועיל להם 11. prend de la place pour rien/takes up space for nothing/תופס מקום לחינם 12. cache/blocks out/חוסם 13. LEVONE lune/moon 14. pile/just/בדיוק 15. MEKhADESh ... faire le bénédiction de la nouvelle lune/say the blessing for the new moon/לברך על חידוש הלבנה 16. que diable ?/what in the world?/?מה לכל הרוחות 17. ASIFE assemblée/assembly 18. il fut décidé/it was decided/הוחלט 19. moyen/means/אמצעי 20. pousser de force/move by force/להזיז בכח 21. KAKh-HAVE et il en fut ainsi/and so it was/כך היה 22. le lendemain/the next day/למחרת היום 23. BALEBATIM bourgeois/townsmen, *sing*. בעל־הבית BALEBO'S 24. sont partis/went out to/יצאו 25. se mirent à le pousser/started to push it/החלו לדחוף 26. ... KOYKhES de toutes leurs forces/with all their might 27. ShO heures/hours/(ברבים) כאן: שעות 28. KESEYDER sans discontinuer/without stopping/ללא הפסקה 29. fatigués et en sueur/tired and sweaty/עייפים ומזיעים 30. cafetans/caftans/(מעילים ארוכים) קפוטות 31. BEYNE-LEBEYNE entretemps/meanwhile/בנתיים 32. BEYS pendant que/while/בזמן ש 33. GANOVIM voleurs/thieves 34. TSU'GEGANVET ont volé/stole/גנבו 35. se sont retournés/turned around/הסתובבו 36. SIMKhE-VESO'SN grande joie/great jubilation 37. applaudi/clapped/מחאו כף 38. même pas/can't even/אפילו לא.

# לעבן

וואָס קען זײַן וויכטיקער ווי דאָס **לעבן** ? אויף ייִדיש זאָגט מען און מע זינגט און מע ווינטשט[1] עס זיך גאָר אַ סך. **לעבן זאָלסטו... זאָלסט לאַנג לעבן... זאָלסט לעבן און געזונט זײַן**... אַ קינד צי אַ געליבטן קען מען רופֿן **לעבן** (אָדער, געקירצט, **לעב**), וואָס מיינען „טײַערע(ר)“ : חנה[2]־לעבן, יאָסל־לעב, אָדער ווי אינעם שיינעם ליבעליד :

„פּאַפּיר איז דאָך ווײַס און טינט[3] איז דאָך שוואַרץ,
צו דיר, **מײַן זיס לעבן**[4], גייט אויס[5] מײַן האַרץ“.

אַן אַנדער ליד, אָנגעשריבן אין ווילנער געטאָ זאָגט : „מיר לעבן אייביק“[6] (זעט ז׳ 7). אַ ליד אויף העברעיִש זאָגט אַרויס אַן ענלעכן[7] געדאַנק : „**עם ישׂראל חי**“[8]. דאָס וואָרט **חי** מיינט אויף העברעיִש **לעבעדיק**. און וואָס זאָגט מען יעדעס מאָל אויף ייִדיש ווען מען טרינקט אַ גלעזל ? ***לחיים***[9], דאָס הייסט, **צום לעבן**.

דער אַדיעקטיוו **לעבעדיק** מיינט ניט נאָר דאָס וואָס לעבט, נאָר ס׳האָט אויך דעם באַטײַט[10] : אַקטיוו, ענערגיש, פֿול מיט פֿרייד. צו פֿאַרשטאַרקן קען מען צוגעבן „לוסטיק“[11] – „די שׂימחה[12] איז געווען **לוסטיק לעבעדיק**“, אָדער „דער יונגער בחור[13] איז **לוסטיק לעבעדיק**“.

מיט קאָנווערבן אָדער פּרעפֿיקסן קריגט דער ווערב **לעבן** אַנדערע ניואַנסן :

**באַלעבן**[14] – צום בײַשפּיל „דער זינגער האָט באַלעבט די שׂימחה“.
**דורכלעבן**[15] – „ער דאַרף דורכלעבן אַ וואָך מיט 10 אייראָס“.
**איבערלעבן**[16] – „זי האָט איבערגעלעבט די מלחמה[17]“.
**דערלעבן**[18] – „מיר זאָלן דערלעבן משיחן[19]“.
**זיך צונויפֿלעבן**[20] – „ס׳האָט גענומען לאַנג ביז דאָס פּאָרפֿאָלק[21] האָט זיך צונויפֿגעלעבט“.

מיטן וואָרט **לעבן** איז דאָ אַ סך אויסדרוקן[22] :

**פֿאַרדינען**[23] **אויף צו לעבן** מיינט אַרבעטן כּדי[24] צו קריגן געלט.
**אײַנשטעלן דאָס לעבן**[25] איז דאָס זעלבע ווי ריזיקירן דאָס לעבן.
**זיך נעמען דאָס לעבן**[26] מיינט זיך טייטן, באַגיין זעלבסטמאָרד. אַ ווונטש אויף ייִדיש איז : **גאָט זאָל געבן געזונט און לעבן**, און אַן איראָנישער ענטפֿער אויף דעם איז „זאָל ער נאָר געבן געזונט, דאָס לעבן קען מען זיך אַליין נעמען !“.

**מיט לײַב און לעבן**[27] מיינט „מיט אַלע כּוחות[28], מיטן גאַנצן האַרצן“.
**עס גייט אים אין לעבן**[29] מיינט „ס׳איז פֿאַר אים אַבסאָלוט נייטיק“.
אַז מע האָט עפּעס **ליב דאָס לעבן**[30] הייסט עס „אַזוי ליב ווי דאָס אייגענע לעבן“.
**לעבן פֿון האַנט צו מויל**[31] מיינט האָבן פּרנסה[32] נאָר פֿון איין טאָג ביז אַ צווייטן.
**איך זאָל אַזוי לעבן**[33] זאָגט מען ווען מע וויל שווערן[34] אַז ס׳איז אַזוי, אַז מע וואָלט אײַנגעשטעלט אויף דעם דאָס אייגענע לעבן.

אַ טראַדיציאָנעלער אויסדרוק איז **אַז מע וועט לעבן** אָדער, קירצער, **אַז מ׳עט לעבן**. מע ניצט עס רעדנדיק וועגן דער צוקונפֿט, אַזוי ווי „אם ירצה השם“[35] אָדער „אויב גאָט וועט וועלן“. עס שטאַמט פֿונעם געדאַנק אַז דער מענטש איז קיין מאָל ניט זיכער וואָס עס וועט מיט אים זײַן. ס׳איז דאָ פֿרומע[36] ייִדן (און אַ מאָל נישט פֿרומע אויך) וואָס זאָגן קיין מאָל נישט „איך וועל דאָס טאָן מאָרגן“, נאָר אַלע מאָל „איך וועל עס טאָן מאָרגן אַז מ׳עט לעבן“.

איז אויב אַזוי, אינעם קומענדיקן נומער – אַז מ׳עט לעבן – וועט מען שרײַבן וועגן אַן אַנדער וואָרט.




## שפּריכווערטער[1] און אויסדרוקן

- דאָס לעבן איז די גרעסטע מציאה[2], מע קריגט עס אומזיסט[3].
- דאָס ערגסטע[4] לעבן איז בעסער ווי דער בעסטער טויט.
- אַז מע לעבט דערלעבט מען[5].
- דער מענטש מוז לעבן אויף טשיקאַוועס וועגן[6].
- לעבן ווי גאָט אין פֿראַנקרײַך (= זייער גוט און באַקוועם[7]).

1. proverbes/proverbs/פתגמים 2. ... METSIE la meilleure affaire/the biggest bargain 3. gratuitement/for free/בחינם 4. le pire/the worst/הגרוע ביותר 5. Tout arrive si on vit assez longtemps/All will come if you live long enough/מי שחי מספיק זמן עַד להכל 6. par curiosité/for curiosity's sake/מתוך סקרנות 7. confortablement/comfortably/בנוחות.

1. on se le souhaite/wish each other/מאחלים אחד לשני 2. KHANE 3. encre/ink/דְּיוֹ 4. ma chérie/my dearest/יקירתי 5. se languit/yearns/משתוקק 6. éternellement/forever/לָעַד 7. similaire/similar/דומה 8. AM YISROEL KHAY le peuple juif vie/the Jewish people live 9. LEKHAYIM à la vie/to life 10. sens/meaning/משמעות 11. joyeux/cheerful/עליז 12. SIMKHE fête/party/מסיבה 13. BOKHER jeune homme/young man 14. animer/animate/לעורר, להחיות 15. vivre (pendant)/live (through)/כאן: הסתדר 16. survivre/survive/לשרוד 17. MILKHOME guerre/war 18. vivre jusqu'à/live to see/לחיות ולראות 19. MESHI'EKHN le Messie/the Messiah 20. s'habituer l'un à l'autre/get used to one another/להתרגל אחד לשני 21. couple/זוג 22. expressions/ביטויים 23. gagner/earn/להשתכר 24. KEDE'Y afin de/in order to 25. risquer sa vie/risk one's life/להעמיד את חייך בסכנה 26. se suicider/commit suicide/להתאבד 27. de toutes ses forces/with all one's might/בכל הכח 28. KOYKHES forces/strength, *sing*. כוח KOYEKH 29. c'est vital pour lui/it means everything to him/זה חיוני עבורו 30. très fort/very much/מאוד 31. vivre au jour le jour/live from hand to mouth/מן היד אל הפה 32. PARNOSE moyens de subsistance/livelihood 33. par ma vie !/I'd stake my life on it/!בחיי 34. jurer/swear/להשבע 35. MIRTSESHEM si Dieu le veut/God willing 36. pieux/pious/מאמינים.








**אונטן : לייב ראָזענטאַל.**
**לינקס : פּלאַקאַט פֿון ווילנער געטאָ מיט לייב ראָזענטאַלס ספּעקטאַקל „פּעשע פֿון רעשע“ (1943).**



דאָס דאָזיקע ליד איז אָנגעשריבן געוואָרן אין ווילנער געטאָ דורך לייב ראָזענטאַל (1916?–1944), אַ יונגן פּאָעט, מחבר[1] פֿון פֿילצאָליקע[2] זינגלידער און דירעקטאָר פֿונעם ווילנער ייִדישן מיניאַטור־טעאַטער. אין געטאָ האָט ער געאַרבעט אין דער „פּאַפּיר־בריגאַדע“, וואָס האָט סאָרטירט ביכער און אַרכיוון פֿון ייִדישע ביבליאָטעקן און געפּרוּווט ראַטעווען[3] וואָס מער[4] פֿון זיי. ער האָט אויך מיטגעאַרבעט אינעם געטאָ־טעאַטער און האָט אָנגעשריבן עטלעכע פּאָפּולערע לידער. אין 1943 איז ער פֿאַרשיקט[5] געוואָרן אין קלאָגע[6], אַ לאַגער[7] אין עסטלאַנד[8] און איז אומגעקומען[9] אין 1944.

## מיר לעבן אייביק[10] !
### פֿון לייב ראָזענטאַל

מיר לעבן אייביק, עס ברענט אַ וועלט.
מיר לעבן אייביק, אָן אַ גראָשן[11] געלט.
און אויף צעפּיקעניש[12] אַלע שׂונאים[13]
וואָס ווילן אונדז פֿאַרשוואַרצן אונדזער פּנים[14] –
מיר לעבן אייביק, מיר זײַנען דאָ !
מיר לעבן אייביק אין יעדער שעה[15].
מיר ווילן לעבן און דערלעבן[16],
שלעכטע צײַטן אַריבערלעבן[17],
מיר לעבן אייביק, מיר זײַנען דאָ !

1. MEKHABER auteur/author 2. nombreux/numerous/רבים 3. sauver/rescue/להציל 4. autant que possible/as many as possible/כמה שיותר 5. déporté/deported/גורש 6. Klooga/קלוגה 7. camp/מחנה 8. Estonie/Estonia/אסטוניה 9. a péri/perished/נהרג 10. éternellement/forever/לעד 11. un sou/a penny/אגורה 12. pour narguer/out of spite/כדי להכעיס 13. SONIM ennemis/enemies, *sing*. שׂונא SOYNE 14. ... PONEM nous faire honte/shame us/לבייש אותנו 15. SHO heure/hour 16. vivre (jusqu'au bout)/live (to see the end)/לחיות עד הסוף 17. survivre/survive/לשרוד.

דאָס ליד האָט אָנגעשריבן אַ תּלמידה[1] פֿון די ייִדיש־קורסן און אַ מיטאַרבעטערין פֿון פּאַריזער ייִדיש־צענטער.

## מיידעלע, ווּ ביסטו ?
### פֿון ניקאָל ווײַמאַן[2]

מיידעלע, מיידעלע, ווּ ביסטו ?
אין דער בלויער לופֿטן
ווּ עס שפּילט זיך דער ווינט מיט וואָלקנס[3]
שטערן נאָענטע
ווּ דעם נאַכטיגאַלס[4] ליד טאַנצט
און דריידלט[5] זיך אין שײַן פֿון דער לבֿנה[6]
ווּ פֿייגל נעסטן[7] אין זונפֿאַרגאַנג

מיידעלע, מיידעלע, ווּ ביסטו ?
אין וואַסער, אין טיפֿן, גרינעם ים[8]
ווּ די כוואַליעס[9] שפּילן זיך מיט פֿרײַע דעלפֿינען[10]
ווּ עס טאַנצן פֿיש פֿילפֿאַרביקע[11]
מיט קאָראַלן און ים־גראָזן[12]
ווּ דער וואַלפֿיש[13]־געזאַנג
פֿאַרוויגט[14] די דערטרונקענע מאַטראָסן[15]

מיידעלע, מיידעלע, ווּ ביסטו ?
אויף דער ברוינער ערד
ווּ עס שײַנען בלומען
און בערג ציִען זיך[16] ווי שטיינערנע העלפֿאַנדן[17]
ווּ דער מידבר[18] שלאָפֿט, טרוקן, זאַמדיק
יעדער זעמדל[19] אַ נשמה[20] פֿון ייִדישן פֿאָלק

מיידעלע, מיידעלע, ווּ ביסטו ?
איך בין אין פֿײַער
אין רויטן פֿײַער
וואָס ברענט אין מײַן האַרץ
אין רויטן פֿײַער
פֿון שמאַרץ און לײַדן[21]
אין רויטן פֿײַער
פֿון גליק און פֿרייד
אין רויטן פֿײַער פֿון ליבע.

1. TALMIDE étudiante/student (*fem.*) 2. Nicole Wajeman 3. nuages/clouds/עננים 4. du rossignol/nightingale's/של הזמיר 5. tournoie/spins/מסתחרר 6. LEVONE lune/moon 7. font leur nid/nest/מקננים 8. YAM mer/sea 9. vagues/waves/גלים 10. dauphins/dolphins/דולפינים 11. multicolores/multicolored/רבגוני 12. YAM-... algues/seaweed/אצות 13. baleine/whale/לויתן 14. berce/lulls/מרגיע 15. matelots noyés/drowned sailors/מלחים טבועים 16. s'étendent/stretch/מתפרשים 17. éléphants de pierre/stone elephants/פילי אבן 18. MIDBER désert 19. grain de sable/grain of sand/גרגר חול 20. NESHOME âme/soul 21. douleur et souffrance/pain and suffering/כאב וסבל.

[סוף פֿון ז׳ 3]



**דאָס באַרימטע בילד פֿון ראָבערט קאַפּאַ פֿונעם שפּאַנישן פֿראָנט (1936).**

אין שפּאַניע אין עלטער פֿון 27 יאָר. קאַפּאַ און שים אַרבעטן ווײַטער, פֿאָרן אַרום אויף אַנדערע פֿראָנטן, אַנדערע מלחמות, און גרינדן[45] אין פּאַריז די ערשטע פֿאָטאָ־אַגענטור „מאַגנום“. קאַפּאַ ווערט דערהרגעט[46] אין וויעטנאַם אין 1954, שים אין סיני[47] אין 1956.

די מיסטעריע אַרום קאַפּאַן האָט ניט צו טאָן מיט זײַן לעבן נאָר מיט זײַן באַרימטסט בילד, וואָס ווײַזט אַ רעפּובליקאַנער סאָלדאַט אין שפּאַניע אינעם מאָמענט פֿון דערשאָסן ווערן. די פֿאָטאָ האָט אָנגעהויבן אַרויסרופֿן וויכּוחים[48] : מע האָט געזאָגט אַז אַזאַ בילד איז אוממעגלעך, אַז ס׳איז אַ געמאַכטע סצענע[49], אַז די דאַטע און דאָס אָרט שטימען ניט[50] מיט דער געשיכטע. אַנדערע האָבן געהאַלטן אַז דאָס האָט אַראָפּגענומען גערדאַ. לאַנגע יאָרן שפּעטער האָט קאַפּאַ דערקלערט אין אַן אינטערוויו אַז ער האָט זיך באַהאַלטן אין אַ גרוב[51] בשעת[52] אַ שלאַכט[53], אויפֿגעהויבן דעם פֿאָטאָ־אַפּאַראַט איבערן קאָפּ, געדריקט נישט קוקנדיק – און אַזוי אַראָפּגענומען דאָס בילד. מע האָט אַלץ אָפּגעזוכט און אַלץ אויסגעפֿאָרשט[54]. מע האָט אַנאַליזירט די לאַנדשאַפֿט, די לענג פֿון די שאָטנס[55], די פּאָזיציע פֿונעם קערפּער, די נעגאַטיוון און די פֿאָטאָ־אַפּאַראַטן. אָבער די דעבאַטעס גייען אָן ביז הײַנט צו טאָג.

אין 1947 האָט קאַפּאַ אָנגעשריבן אַ בוך זכרונות[56] און האָט עס געגעבן דעם טיטל *אַ ביסל צעשוווּמען*[57]. לאָמיר נעמען אָט־די ווערטער ווי אַן אויספֿיר[58] : דער אמת[59], ווי אַ נישט געראָטענע[60] פֿאָטאָ, בלײַבט אָפֿט מאָל „אַ ביסל צעשוווּמען“.

45. fondent/found/מייסדים 46. … DERHARGET est tué/is killed/נהרג 47. SINAY Sinaï 48. … VIKHUKHIM susciter des controverses/provoke controversy/לעורר מחלוקת 49. mise en scène/staged/מבויים 50. ne collent pas/don't match/לא מתאימים 51. s'est caché dans une fosse/hid in a hole/התחבא בחפירה 52. BESHA's pendant/during 53. bataille/battle/קרב 54. examiné/examined/חקרו 55. ombres/shadows/צללים 56. ZIKHROYNES mémoires/memoirs 57. *Juste un peu flou* (Delpire, 2003)/*Slightly out of Focus* (Henry Holt, N.Y. 1947)/קצת לא בפוקוס 58. conclusion/מסקנה 59. EMES vérité/truth 60. raté/unsuccessful/לא מוצלח.



## פֿאָטאָגראַפֿיע־גלאָסאַר

| | |
|---|---|
| photographie/photograph, photo/צילום | די פֿאָטאָגראַפֿיע (ס)/פֿאָטאָ/דאָס בילד (ער) |
| appareil photo/camera/מצלמה | דער פֿאָטאָ־אַפּאַראַ׳ט (ן) |
| pellicule/film/סרט צילום | דער פֿילם (ען) |
| négatif/negative/נגטיב, תשליל | דער נעגאַטי׳וו (ן) |
| photographe/photographer/צלם | דער פֿאָטאָגראַ׳ף (ן) |
| prendre/take (photo)/לצלם | אַראָ׳פּנעמען (אַ בילד) |
| développer/develop/לפתח | אַנטוויקלען |
| net/sharp/חד | שאַרף |
| flou/blurred/מטושטש | צעשוווּמען |
| numérique/digital/דיגיטלי | נומעריש |
| mise au point/focus/פוקוס | דער פֿאָקוס |
| lumière/light/תאורה | דאָס ליכט |
| vitesse/speed/מהירות | די גיכקייט |
| objectif/lens/עדשה | דער אָביעקטי׳וו (ן) |
| zoomer/to zoom/לעשות זום | זומירן |
| portrait/דיוקן | דער פּאָרטרעט (ן) |
| paysage/landscape/נוף | די לאַנדשאַפֿט (ן) |
| épreuve/print/עותק | די קאָפּיע (ס) |
| agrandissement/enlargement/הגדלה | די פֿאַרגרעסערונג (ען) |

דער יידישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט אַקווילע, יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ, עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם ייִדישן *טעם־טעם* אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros פּרײַז : 2,50 אייראָס